אידיש

בס"ד בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון



געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

תצוה תשפ"ד • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 352

## אמרות שמשון

### נתקשה משה במעשה המנורה

**וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד** (שמות כז, כ). עס שטייט אין חז"ל (הובא ברש"י שמות כה, מ), 'נתקשה משה במעשה המנורה, עד שהראה לו הקב"ה מנורה של אש', משה רבינו האט שווער געהאט ווי אזוי די מנורה דארף אויסזען, האט אים דער אויבערשטער געוויזן א 'מנורה של אש'.

**מען** קען ערקלערן וואס האט משה רבינו שווער געהאט פון די 'מעשה המנורה', וויבאלד משה רבינו האט געהאלטן אז מען דארף מען בויען 'צען מנורות' וואס זאל זיין זיבעציג נרות, אנטקעגן די זיבעציג פעלקער וואס מען דארף מלחמה האלטן מיט זיי און מכניע זיין.

**און** דאס וואלט טאקע געווען אויב משה רבינו וואלט אריינגעגאנגען מיט די אידן קיין ארץ ישראל, וואלט ער מכניע געווען אלע זיבעציג פעלקער, און כלל ישראל וואלט קיינמאל נישט פארטריבן געווארן פון ארץ ישראל.

**דעריבער** האט אים דער אויבערשטער געוויזן די 'מעשה המנורה', צו מרמז זיין אז ער דארף נאר איין מנורה, וויבאלד ער גייט נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, און וועט נישט פירן די מלחמות. און אפילו יהושע בן נון וועט נאר מלחמה האלטן מיט זיבן פעלקער.

**ביז** עס וועט קומען שלמה המלך, וואס אין זיינע צייטן וועלן אלע זיבעציג פעלקער זיין אונטערטעניגט אונטער כלל ישראל, און שלמה האט ווירקליך געבויעט צען מנורות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברי הימים ב ד, ז) **וַיַּעַשׂ אֶת מְנֹרוֹת הַזָּהָב עֶשֶׂר כְּמִשְׁפָּטָם**. ('זרע שמשון' פרשתנו אות א')

### כהונה ווערט געגעבן פאר אהרן אנשטאט משה

**וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ אֶת אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאֶת בָּנָיו אִתּוֹ מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכַהֲנוֹ לִי** (כח, א). עס שטייט אין חז"ל (זבחים קב.), אינ'אמת'ן וואלט משה רבינו געדארפט באקומען די כהונה, אבער צוליב וואס ער האט זיך אין אנהייב אנטזאגט צו אויסלייזן כלל ישראל פון מצרים, האט ער פארלוירן די כהונה און עס איז געגעבן געווארן פאר אהרן מיט זיינע קינדער.

**מען** קען ערקלערן די סיבה פארוואס משה רבינו האט נישט געוואלט גיין אויסלייזן כלל ישראל, ווייל ער האט געוואלט ענדערש דער אויבערשטער אליינ'ס זאל זיי אויסלייזן וואס דעמאלטס וועט עס זיין אן אייביגע גאולה, און כלל ישראל וועט מער נישט גיין אין גלות.

**אבער** דער אויבערשטער האט נישט געוואלט, ווייל דער אויבערשטער האט געוואוסט אז כלל ישראל וועט זינדיגן - אזוי ווי עס האט פאסירט ביים חטא העגל - און זיי וועלן נישט קענען האבן א כפרה דורכן גיין אין גלות.

**דעריבער** וואלט משה רבינו נישט געדארפט אפזאגן, נאר געדארפט גלייך גיין אויסלייזן כלל ישראל, און וויבאלד ער האט עס נישט געטון גלייך אין אנהייב, האט ער פארלוירן די כהונה און עס איז איבערגעגעבן געווארן פאר אהרן מיט זיינע קינדער. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ג')

### בנימין האט א כח צו דאווענען און בעטן

**וְהַטּוּר הָרְבִיעִי תַּרְשִׁישׁ וְשֹׁהַם וְיָשְׁפֵה** (כח, כ). אויף יעדע שטיין אינעם חושן איז געווען אויסגעקריצט א נאמען פון א שבט, אויף דער שטיין 'ישפה' איז געווען אויסגעקריצט 'בנימין'.

**מען** קען ערקלערן פארוואס די 'ישפה' שטיין איז געגעבן געווארן פאר שבט בנימין, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (ילקוט שמעוני וזאת הברכה רמז תתקנ"ז) אויפן פסוק (דברים לג, יב) **וּבֵין כְּתֵפָיו שָׁכֵן**, די בית המקדש איז געבויעט געווארן אינעם חלק וואס האט באלאנגט פאר שבט בנימין.

**דער** מדרש ערקלערט דער טעם דערפון, וויבאלד בנימין איז נישט געווען ביי מכירת יוסף, און אויב וואלט מען געבויעט די בית המקדש אין דער חלק פון אנדערע שבטים, וואלט דער אויבערשטער נישט אויסגעהערט די תפילות וואס מען וואלט געדאווענט דארט, אזוי ווי זיי האט נישט רחמנות געהאט און נישט אויסגעהערט די בקשה פון זייער ברודער בשעת מען האט אים פארקויפט.

**דערמיט** קען מען מרמז זיין אויף די שטיין פון בנימין **'ישפה'** וואס איז מרמז 'יש - פה' בנימין האט א מויל און כח צו דאווענען צום אויבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף כלל ישראל, אנדערש פון אלע אנדערע שבטים. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ד')

### מויערן פון ירושלים וועלן געבויעט ווערן מיט שהם און ישפה

**וְהַטּוּר הָרְבִיעִי תַּרְשִׁישׁ וְשֹׁהַם וְיָשְׁפֵה** (כח, כ). די גמרא זאגט אין בבא בתרא (עה.) אויפן פסוק (ישעיהו נד, יב) **וְשַׂמְתִּי כַּדְכֹד שִׁמְשֹׁתַיִךְ**, לעתיד לבא ווען משיח וועט קומען, וועלן די מויערן פון ירושלים געבויעט ווערן מיט ספעציעלע טייערע שטיינער. איינער זאגט אז דאס וועט זיין 'שוהם' שטיינער, און איינער זאגט אז דאס וועט זיין 'ישפה' שטיינער. האט דער אויבערשטער געזאגט 'להוי כדין וכדין' עס וועט געבויעט ווערן מיט ביידע סארט שטיינער.

**מען** קען ערקלערן פארוואס וועט מען נוצן דוקא די שטיינער פאר די מויער פון ירושלים, וויבאלד די צוויי שטיינער 'שהם' און 'ישפה' זענען די שטיינער פון יוסף און בנימין אינעם חושן.

**יוסף** און בנימין זענען ביידע קינדער פון רחל אמנו, וואס אויף איר שטייט אין פסוק (ירמיהו לא, יד) **מֵאֲנָה לְהִנָּחֵם עַל בָּנֶיהָ**, זי לאזט זיך נישט טרייסטן אויף אירע קינדער וואס זענען פארטריבן אין גלות, און מיט איר זכות וועט משיח קומען (עיין מדרש איכה רבה, פתיחתא כ"ד), און דאס איז מרומז אין די שטיינער וואס מען וועט בויען די מויער פון ירושלים נאכדעם וואס משיח וועט קומען. ('זרע שמשון' פרשתנו אות ד')




**• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •**

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לזש"ק | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה |
|---|---|---|---|---|---|
| **דניאל אודי בן רג'ינה מלכה** שיזכה לשפע ברכה והצלחה בכל העניינים ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | **מרדכי בן שיינדל** להצלחה וברכה בכל העניינים | **צבי יצחק דוב בן גיטל חיה** וזוג' **מרים סאבל בת אסתר** ובניהם **שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר** שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | **ישראל בן אסתר מאשא** וזוג' **חיה מרים בת מינדל** להיפקד בזש"ק בריאים וטובים המקדשים שם שמים | **מנחם בנימין בן חיה מלכה** לראות נחת מכל יוצ"ח שימצאו זיווגים הגונים בקרוב | **רפאל דוד בן נעמי** שיקבל את רשיון העבודה ויזכה להצלחה גדולה בפרנסה ובריאות איתנה |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# דער משפיע הרה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א

## ביים ספעציעלן שיעור פאר אמעריקאנע אידן לקראת סיום ימי השובבי"ם:

## "די תורות פונעם זרע שמשון, איז מסוגל פאר ישועות אין אלע ענינים"

**די** שיעורים פונעם וועלט בארימטן משפיע **הרב הצדיק הרב אלימלך בידערמאן שליט"א** איז ברייט באקאנט איבער די גאנצע וועלט, צענדליגע טויזנטע אידן פון אלע שיכטן און קרייזן זענען זיך מחזק יעדע וואך מיט די שיעורים פונעם חשוב'ן משפיע שליט"א, וואס ווערט אנגערופן - בפי כל - מיט גרויס הערכה און כבוד "**רעֶב מיילעך**". זיינע ווערטער און געדאנקן בלאזן אריין חיות פון אמונה און בטחון פאר יעדע איד אין סיי וואספארא מצב מען געפינט זיך.

**טראָץ** וואס דער משפיע שליט"א האט נאך קיינמאל נישט ארויסגעטרעטן פון די גבולות ארץ ישראל, האבן אבער די שיעורים גאר א ווייטן און הילכיגן אפקלאנג, אידן אין אמעריקע בפרט הערן אויס די שיעורים מדי שבוע בשבוע מיט גרויס דארשט און נייגער, און זעטיגן זיך מיט די געוואלדיגע רעיונות און חיזוק פונעם גרויסן משפיע שליט"א.

**באזונדער** איז די ספעציעלע שיעור וואס דער משפיע שליט"א געבט איבער פאר אמעריקאנע אידן מוצאי שבת קודש, די שיעור ווערט געהערט לעבעדיג אינעם ביהמ"ד '**באר התפילה**', אין די צייט ווען אין ארץ ישראל איז שוין פרי פארטאג'ס, אבער ביים משפיע ברענט און פלאקערט א הייליגע פייער פון אמונה און בטחון, און געבט איבער די שיעור פאר די אמעריקאנע אידן, וואס איז מלא וגדוש מיט חיזוק עצות און הדרכה צו לעבן העכער און נענטער צום באשעפער.

**דעם** פארלאפענעם **מוצ"ש פרשת משפטים תשפ"ד** העעל"ט, ווען מען האלט שוין נאנט צום ענדע פון ימי השובבי"ם האט דער משפיע שליט"א איבערגעגעבן די פלאם פייער'דיגע שיעור אויף זיין שטייגער. פאר העכער צוויי שעה האט זיך געגאסן פערל ווערטער און חיזוק כמים קרים על נפש עיפה, און מעורר געווען מיט תשובה און אמונה און ביטחון אינעם חי העולמים.

**איידער רבי מיילעך האט פארענדיגט דער שיעור, האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט דאס פאלגנדע:**

"**טייערע** ברודער, איך וויל ענדיגן מיט א דבר תורה פון דער '**זרע שמשון**', וואס איז באקאנט און מפורסם ביותר אז עס איז מסוגל פאר קינדער, פרנסה, זיווגים און געזונט, דעם דבר תורה זאלט איר אהיימנעמען צו אייך אין שטוב, עס געבט א געוואלדיגע חיזוק פאר יעדע איינער וואס איז זיך מקבל א קבלה טובה זיך צו מטהר זיין און מחזק זיין, אפילו אויב מען איז נאכנישט אינגאנצן בשלימות, אבער דער אויבערשטער העלפט צו און געבט די כוחות.

**דער** משפיע האט שיין ערקלערט אויף זיין שטייגער דאס ווארט פונעם 'זרע שמשון' אין 'פרשת שופטים' (סוף אות ד') אויף די ווערטער פונעם משנה ענדע מסכת יומא (יומא פה, א) '**אמר רבי עקיבא, אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים. ואומר מקוה ישראל ה', מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל**'.



המשפיע הרה"צ רבי אלימלך בידרמן שליט"א
בשיעור במוצאי שבת בלהט קודש



זרע שמשון
פרשת שופטים
אות ד

**לכאורה** דארף מען פארשטיין פארוואס איז די משנה מאריך און זאגט 'מה מקוה מטהר את הטמאים' עס איז דאך פשוט, יעדער איינער ווייסט אז א מקוה רייניגט א טמא'נע מענטש, עס וואלט געווען גענוג אויב עס שטייט 'מה מקוה מטהר אף הקב"ה מטהר את ישראל'.

**אזוי** אויך דארף מען פארשטיין פשט אינעם פסוק 'וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם', עס איז משמע אז דער אויבערשטער וועט שפריצן פון דערווייטנ'ס 'מים טהורים', דהיינו, אז מען איז נאך פארבינדן מיט די טומאה, און דער אויבערשטער וועט מטהר זיין כלל ישראל אפילו ווען מען איז נאך טמא. לכאורה ווי אזוי איז שייך מען זאל ווערן גערייניגט נאך איידער מען האט זיך אפגעשיידט פון די טומאה?

**ערקלערט** דער הייליגער זרע שמשון זי"ע א וויכטיגע יסוד - וואס געבט א גרויסע חיזוק פאר יעדע'ס איד וואס ווערט נתעורר בתשובה און וויל זיך מחזק זיין - אפילו ווען מען איז נאך טמא, מען האט נאכנישט די כוחות זיך צו טוישן אינגאנצן, אבער אז מען ווערט בלויז נתעורר צו תשובה, העלפט דער אויבערשטער, און רייניגט דער מענטש אפילו ווען ער איז נאך טמא.

**ווייל** דאס עצם זאך אז דער מענטש וויל גערייניגט ווערן דאס ברענגט אים שוין נענטער צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער געבט אים די כוחות צו גיין ווייטער, און זיך מחזק זיין מיט תשובה צו ווערן נענטער צום אויבערשטן.

**אזוי** ווי עס לויטעט די הייליגע לשון פונעם זרע שמשון: "**מה מקוה מטהר את הטמאים, כלומר שהם עדיין טמאים, שאינם יכולים ליטהר לגמרי, ואף על פי כן המקוה מוסיף עליהם קדושה ומעורר טהרת הנפש, כך הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל מעט מעט אף קודם שיהיו טהורים לגמרי, כדי שאותה מקצת הטהרה יוסיף להם אומץ וכח להתחזק בטהרה**".

**דערמיט** זעט מען - האט רבי מיילעך אויסגעפירט - די גרויסקייט פון יעדע קבלה טובה וואס מען נעמט זיך אונטער, אפילו עס איז בלויז א קלייניקייט, ברענגט דאס נענטער דער מענטש צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער איז אים משפיע א רוח טהרה ממרום, ער זאל קענען ווייטער אנגיין און ווערן נענטער צום באשעפער. און מיט די ווערטער קענט איר אהיימגיין און מיטנעמען מיט אייך.

**אזוי** האט דער משפיע שליט"א פארענדיגט די שיעור מיטן ווארט פונעם זרע שמשון, וואס איז איבערגעזאגט מיט גרויס התרגשות, צו באלייכטן אידישע קינדער און מזכה זיין כלל ישראל מיט ישועות ברוחניות ובגשמיות בזכות דער גרויסער צדיק זי"ע.

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באַרה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו